בס"ד
נח תשפ"ד
גליון 161

# דעם רבינ'ס ליכט



**אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אִין גַאס אָדֶער אִין חֶדֶר?

אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה דֶערְצֵיילְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן נֹחַ. מְ'דַארְף וִויסְן אַז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען, נָאר אִין יֶעדֶע וָוארְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְט גְרוֹיסֶע אוּן גֶעוַואלְדִיגֶע טִיפֶע סוֹדוֹת, אוּן מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא.

דָאס וָוארְט "תּוֹרָה" אִיז פוּן דִי לָשׁוֹן "הוֹרָאָה". עֶס קוּמְט צוּ לֶערְנֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן. בִּפְרַט אִין דִי פְּסוּקִים וואוּ דִי תּוֹרָה זָאגְט נִישְׁט אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ דִי מִצְוֹות נָאר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָארְט לִיגְט בַּאהַאלְטְן גָאר טִיפֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אִין יֶעדֶע אוֹת.

מִיט סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא וֶועלְן מִיר זֶען וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיס לֶערְנֶען פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע הַקְדָּמוֹת וָואס מִיר הָאבְן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס רוּפְט זִיךְ קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (סִימָן ו') דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע מַצָּבִים סַיי וֶוען סְ'גֵייט אִים גְרִינְג; וֶוען עֶר גֵייט אַרוֹיף מַדְרֵגוֹת, אִין דֶעם רֶבִּי'נְס שְׁפְּרַאךְ וֶוערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן "בָּקִי בְּרָצוֹא" דָאס מֵיינְט לוֹיפְן פָארְאוֹיס, אוּן סַיי וֶוען סְ'גֵייט אִים שְׁוֶוער; עֶר גֵייט אַרָאפּ מַדְרֵגוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן "בָּקִי בְּשׁוֹב" וָואס דָאס מֵיינְט גֵיין אוֹיף צוּרִיק צוּוֶועגְס.

רַבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר וִוי אַזוֹי דִי לִמּוּדִים פוּן פַּרְשַׁת נֹחַ אִיז נוֹגֵעַ צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז. עֶר בְּרֶענְג אַרָאפּ אַ זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן פוּן נָאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז דִי וָוארְט "תֵּיבָה" הָאט צְוֵויי טַייטְשְׁן, עֶס קֶען מֵיינֶען דִי שִׁיף פוּן נֹחַ אוּן עֶס קֶען מֵיינֶען "אַ וָוארְט", דָאס מֵיינְט דִי "וֶוערְטֶער" פוּן דַאוֶוענֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר נֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה דוּ אוּן דַיין הוֹיזְגֶעזוּנְד זָאלְן אַרַיין אִין דִי תֵּיבָה, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי בְּחִינָה פוּן "בָּקִי

המשך אויף זייט 5












# איין מעשה'לע



## מָן בַּיים טִיר...

עֶס אִיז עֶרֶב יוֹם טוֹב, ס'אִיז הִימְל אוּן עֶרְד, אַלֶע רֶעדְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע חֲלוּקָה וָואס מֶען טֵיילְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אַ חִידוּש... נֻסַּח אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַ חָשׁוּבֶ'ער נַדְבָן הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אוֹיסְגִיסְן פוּן זַיין טַאשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער.

מִיר וואוֹינֶען אוֹיף דִי בֶּערְג, אַ שָׁעָה צְווֵיי אַוֶועק פוּן שְׁטָאט, מַיינֶע מַאמֶע הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אוֹיךְ זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי וֶועלְכֶע בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרֵייטְן חֲלוּקָה, אָבֶּער פַאר מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעצוֹיגְן דִי זַאךְ, אָבֶּער עֶר הָאט ווִי אַלֶעמָאל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען עֶס זָאל זַיין גֶענוּג שֶׁפַע אִין שְׁטוּב אַז מַיין מַאמֶע זָאל זַיין צוּפְרִידְן אוּן הָאבְּן אַ שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

אַ אִיד וֶועלְכֶער וואוֹינְט אִין דֶעם זֶעלְבְּן שְׁטָאט ווִי מִיר וואוֹינֶען הָאט אָנְגֶעקְלִינְגֶען אֵיינֶעם פוּן דִי גְרוֹיסֶע עַסְקָנִים וֶועלְכֶע הָאבְּן אָנְגֶעפִירְט דֶעם גְרוֹיסֶע חֲלוּקָה פְּרָאיֶעקְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען אוֹיךְ בַּאקוּמֶען, עֶר וואוֹינְט טַאקֶע אַזוֹי וַוייט אַוֶועק אָבֶּער עֶר קֶען קוּמֶען מִיט זַיין וֶוען (טענדער) אוּן עֶס אַהֵיימְנֶעמֶען נָאךְ זַיין טָאג אַרְבֶּעט, דֶער עַסְקָן זָאגְט אִים: "הֶער מִיר אוֹיס, אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ גֶעבְּן דֶעם שֵׁיינֶעם חֲלוּקָה אָבֶּער מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ נֶעמֶען פַאר מַיין קָרוֹב וֶועלְכֶער וואוֹינְט אוֹיךְ אִין דֶעם שְׁטָאט, עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אָבֶּער דָאס אִיז דֶער תְּנַאי, אִיךְ ווִיל אִים אוֹיךְ שִׁיקְן.



פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט בַּאלְד מַסְכִּים גֶעוֶוען, עֶר הָאט גַאנְץ אַ גְרוֹיסֶע וֶוען (טֶענְדֶער) עֶר הָאט אָרָאפְּגֶעלֵייגְט אַלֶע זִיצְן פוּנֶעם וֶוען אוּן אִיבֶּערְגֶעפוּלְט דִי פִילֶע שְׁוֶוערֶע פִּישְׁקֶעס. אָנְקוּמֶענְדִיג אִין דִי שְׁטָאט וואוּ מִיר וואוֹינֶען הָאט עֶר שֵׁיינֶערְהֵייט אַלֶעס אָרָאפְּגֶעלֵייגְט פָארְנְט פוּן אוּנְזֶער טִיר. אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיף טְרֶעפְן מִיר צֶענְדְלִיגֶע פִּישְׁקֶעס מָן אִין פָארְנְט פוּן אוּנְזֶער שְׁטוּב...

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פוּן מַיין טַאטְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער שְׁווִיצְן אוּן שְׁלֶעפְּן עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן מֶען אַרַיינְלֵייגְן דִי כּוֹחוֹת אִין תְּפִלָּה וְהוֹדָאָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶעס וֶועט אָנְקוּמֶען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם גְרִינְגֶערְהֵייט פוּנְקְט אִין צֵייט!

צו הילד נחמן, טעלעפאן אין שטוב ענדיגט זיך 7824, די מעשה וואס דו האסטו דערציילט אין טעל-ליין איז אריינגעקומען זייער נישט קלאר, פארצייל עס נאכאמאל, רעדן נישט אריין שטארק אין טעלעפאן ווייל עס ווערט אומקלאר.

יישר כח

# דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע שַׁדְכָנוּת גֶעלְט

*המשך פון פאריגע וואך*

די בְּרִית מִילָה אִיז אָפְּגֶעהַאלְטְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, אוּן; וַיִקָרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל "שִׂמְחָה".

די תְּפִלָּה פוּן דָאס קִינְדְ'ס מַאמֶע אִיז טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ אַ חֹדֶשׁ הָאט זִי אוֹיסְגֶעהוֹיכְט אִיר נְשָׁמָה, אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג אוֹיפְן וֶועלְט אַ הֵיילִיג קִינְד.

דָאס קִינְד שִׂמְחָה אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן צוּם שְׁטוּב פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, וְויבַּאלְד זַיין גְרוֹיסֶער טַאטֶע הָאט נִישְׁט גֶעהַאט די מֶעגְלִיכְקֵייט אִים צוּ עֶרְצִיעֶן, זַייעֶנְדִיג פַּארְנוּמֶען אַרוּמְצוּפָארְן בִּשְׁלִיחוּת פוּן זַיין רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ פִיל אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיטְן קִינְד, אוּן הָאט עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעלָאזְט פַאלְן וֶוערְטֶער אִיבֶּער די גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם קִינְד פַאר זַיין הֵיילִיגְן טָאכְטֶער די צַדֶיקֶת אָדְל.

יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, אוּן דָאס קִינְד אִיז גְרֶעסֶער גֶעוָוארְן, וָועו אִינְדֶערְמִיט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ פַארְלָאזְט דֶער וֶועלְט. דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין אַלְט גֶעוֶוען צֶען יָאר, אוּן הָאט גֶענְצְלִיךְ מַקְדִישׁ גֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן דִינֶענְדִיג דֶעם



אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין די פֶּעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער.

אָדְל, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אַ וַוייט-זֶעעֶנְדֶע פְּרוֹי, הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אִיבֶּער די שְׁבָחִים וָואס אִיר טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְן קִינְד, אוּן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז נִישְׁט אוּמְזִינְסְט הָאט אִיר גְרוֹיסֶער טַאטֶע זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט פַאר אִיר, די שְׁבָחִים אוֹיפְן קִינְד שִׂמְחָה, אוּן זִיכֶער הָאט עֶר אִיר גֶעמֵיינְט צוּ מְרַמֵז זַיין אַז זִי זָאל אִים נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם, אַ מַאן פַאר אִיר טָאכְטֶער פֵייגָא, וֶועם אִירֶע גְרוֹיסֶע בְּרוּדֶערְס, דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם אוּן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל מֶעזִיבּוּזְשֶ'ער הָאבְּן גֶערוּפְן 'פֵייגַא'לֶע די נְבִיאָה'טֶע'.

אָט פוּן דֶעם שִׁידוּךְ אִיז שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גְרוֹיסֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶע נְשָׁמָה - רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְצוּקַ"ל, וֶועלְכֶער הָאט בַּאלוֹיכְטְן דֶער וֶועלְט מִיט זַיין גֶעטְלִיכְן שַׁיין וָואס גֵייט נָאךְ אָן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג.

**- - - די שַׁדְכָנוּת גֶעלְט הָאט זִיךְ ווִירְקְלִיךְ אָפְּגֶעצָאלְט!**

# "מזל טוב" צום סיום

יודא פירטה, שמחה גולשבסקי, צבי אלימלך מנדליאל, נתן צציק, נחמן גרין, יצחק יעקב דאווידאוויטש אהרן הערש מערמעלשטיין, נחמן בעק, נחום זאב פראנק, אלעזר אנשין, חיים וויצהנדלר, חיים גוטליב שמואל גאטליב, מאיר שמעון אנשין, מנחם אנשין, בנימין אנשין, ישעי ראטענבערג, שלום ווייספיש ישעיהו אליהו? סולרש, נחמן סולרש, יענקי קלצקי, נחמן יוסף שטערנפעלד, שלמה ווייצהענדלר אהרן יצחק לעבאוויטש, משה נברוצקי, נחמן שמעון ווייס, שמעון בערגער, שלמה ווייצהענדלר, מנחם מענדל חיים ווייס.



די אלע קינדער קענען אפנעמען
א מתנה לכבוד זייער סיום.
אויב זענען דא קינדער וואס זייער נאמען שטייט נישט דא און זיי האבן געלערנט, זאלן ביטע אריינרופן אין טעל-ליין און איבערלאזן זייער נאמען און ספר וואס זיי האבן געלערנט.
די מתנות קען מען באקומען ביי
ר' יואל יאראוויטש ת"ת ברסלב בית שמש,
אדער ר' משה געפנער אין ת"ת ברסלב ירושלים.
די קינדער אין חו"ל וועלן באקומען אין פאסט בעז"ה

---

דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

בְּרָצוֹא" צוּ אַרייַנְגֵיין אִין דִי תֵּיבָה וָואס דָאס מֵיינְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעהֵייסְן צֵא מִן הַתֵּיבָה אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וְכוּ' כָּל הַחַיָּה וְכָל הָרֶמֶשׂ הוֹצֵא גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי תֵּיבָה דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע חַיּוֹת וְכוּ' זָאגְט רַשִׁ"י אוֹיף דִי וָוארְט "הוֹצֵא" אַז מֶען לֵיינְט דָאס "הַיְצֵא" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר נֹחַ, טָאמֶער זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי תֵּיבָה נֶעם זֵיי דוּ אַרוֹיס, וַוייל דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן "בָּקִי בְּשׁוֹב".

יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז וָואלְט גֶעוָואלְט אַ גַאנְצְן טָאג זִיצְן אִין שׁוּל אָדֶער אִין חֵדֶר אוּן נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט, אָן קַיין נִסְיוֹנוֹת פוּן דִי גַאס אוּן אָן קַיין שְׁוֶועריִקַייטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַ אִינְגֶל מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז פוּן הַיינְט אָן גֵייט עֶר דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה אוּן גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, אָדֶער לְמָשָׁל עֶר גֵייט אוֹיפְשְׁטֵיין זֵייעֶר פְּרִי אוּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּם דַאוֶונֶען, אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער זֶעט עֶר אַז זַיין פְּלַאן אִיז זִיךְ צוּרִירְן אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ גֶעפַאלְן, דַארְף עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן אוּן טוּן וָואס עֶר קֶען אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן דָאס מֵיינְט "בָּקִי בְּשׁוֹב" ווִי אוֹיךְ וֶוען אַ קִינְד אִיז עוֹסֵק בְּדִבְרֵי הָרְשׁוּת וֶוען עֶר גֵייט לְמָשָׁל עֶסְן אָדֶער זִיךְ שְׁפִּילְן אָדֶער אִין גֶעשֶׁעפְט, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָאס מֵיינְט אוֹיכֶעט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (הִלְכוֹת שַׁבָּת ז' אוֹת ס"ט ע')

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה בִּשְׁלֵמוּת אוּן מִיר זָאלְן זַיין בָּקִי בְּרָצוֹא אוּן בָּקִי בְּשׁוֹב אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב.

# א פעקל נאש...



עֶס אִיז רַעֲוָא דְּרַעֲוִין אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ער שׁוּל אִין יְרוּשָׁלַיִם. דֶער צִבּוּר אִיז זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען נָאךְ מִנְחָה זִיךְ זֶעצְן עֶסְן צוּזַאמֶען שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת, דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעאֵיילְט צוּ רוּקְן דִי טִישְׁן אוּן אוֹיסְלֵייגְן טִישְׁטֶעכֶער אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט טֶעלֶערְ'ס, בּוּלְקֶעלֶעךְ א.ד.ג. פַאר דִי סְעוּדָה. צְוִוישְׁן דִי חֲסִידִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּיי דֶער סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען דֶער חָסִיד ר' אֶלְחָנָן סְפֶּעקְטָאר זַ"ל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן אוּן גֶעזֶעצְט עֶסְן עֶר זִיצְט שְׁטִיל אִין זַיין וִוינְקְל, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי חֲסִידִים וֶועלְכֶער אִיז גֶעזֶעצְן דֶערְנֶעבְּן הָאט צוּגֶערוּקְט דֶעם טֶעלֶער סַאלַאט טְחִינָה צוּ ר' אֶלְחָנָן אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין.

מִיטְאַמָאל הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי טִיר פוּן בֵּית מִדְרָשׁ אוּן אַ חַבּוּרָה אִינְגֶלֶעךְ וֶועלְכֶע הָאבְּן בִּיז אִיצְט גֶעשְׁפִּילְט יֶעצְט אִינְדְרוֹיסְן, זֶענֶען אַרַיינְגֶעלָאפְן מִיט אֵיין אִימְפֶּעט זִיךְ וַואשְׁן צוּ דֶער סְעוּדָה. דִי קִינְדֶער זֶענֶען גוּט פַארְשְׁוִויצְט אוּן קְלֶעפֶּעדִיג פוּן דִי אַייז-קְרֶעים וָואס מֶען הָאט גֶעטֵיילְט נָאכְן חֶבְרַת-תְּהִלִּים. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען גַאנְץ אִינְג אוּן נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין דֶעם עִנְיָן פוּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ וואוּ ר' אֶלְחָנָן אִיז גֶעזֶעצְן אוּן אָן טְרַאכְטְן צוּ פִּיל אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם טֶעלֶער סַאלַאט אוּן אַיינְגֶעטוּנְקֶען זַיינֶע פִינְגֶער אִין דִי טְחִינָה צוּ גֶעבְּן אַ קָאסְט פַארְן עֶסְן....

ר' אֶלְחָנָן - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער אִיד אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְטְרָאגְן אַזַא סָארְט פִּירוּנְג, הָאט אַוֶועקְגֶערוּקְט דָאס הַאנְט פוּנֶעם קִינְד אוּן אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען מִיט אַ תְּנוּעָה אַז סְ'פַּאסְט נִישְׁט... דֶער אִינְגְל הָאט בַּאלְד פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם וואוּנְק אוּן גֶעכַאפְּט הֶענְט אוּן פִּיס אוּן אַוֶועקְגֶעלָאפְן...

אָבֶער - - וִוי נָאר דָאס קִינְד אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִיז ר' אֶלְחָנָן גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְקְלֶעמְט, 'אוֹי וֵויי,' הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן?! אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַ אִיד! אַ אִידִישׁ קִינְד!' בַּיי ר' אֶלְחָנָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וִוי אַלְט דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אַ קִינְד אָדֶער אַ עֶלְטֶערֶער אִיד, דֶער בַּאשֶׁעפֶער לָאזְט נִישְׁט וֵויי טָאן אַ צְוֵייטְן! נוּ, אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, דַארְף מֶען אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן! ר' אֶלְחָנָן הָאט שׁוֹין אַ פְּלַאן....

אַ וָואךְ אַרוּם, עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, נֶעבְּן דֶער גֶעשֶׁעפְט פוּן דִי נַאשֶׁעַרַייעֶן, שְׁטֵייט אַ עֶלְטֶערֶער אִיד אוּן קוּקְט אִיבֶּער מִיט אִינְטֶערֶעסֶע דִי אוֹיסְוַואל פוּן דִי נַאשֶׁעַרַייעֶן אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַן עֶקְסְטֶערֶע גֶעוַואלְדִיגֶע עֲבוֹדָה... דָאס אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט

קַיין אַנְדֶערֶער ווִי ר' אֶלְחָנָן ז"ל, וֶועלְכֶער הָאט אַוועקגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע סְדָרִים און עֲבוֹדוֹת און אִיז גֶעקוּמֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס צוּ מְפַיֵּיס זַיין דָאס קִינְד... נָאכְן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן יֶעדֶע סָארְט הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען אַ שֵׁיינֶע זֶעקְל מִיט אַלֶעם גוּט וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען, שָׁאקָאלַאד'ן און צוּקֶערְלֶעך, דִי סָארְט און יֶענֶע סָארְט, פוּן דִי בֶּעסְטֶע און שֶׁענְסְטֶע, עֶר הָאט בַּאצָאלְט און אַהֵיים מִיט דִי זִיסֶע פֶּעקְל אִין הַאנְט.



שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג שְׁפַּאנְט ר' אֶלְחָנָן צוּם שׁוּל מִיט זַיינֶע שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע לְבוּשִׁים וֶוען צוּ אַלֶעמֶענְס וואוּנְדֶער הַאלְט עֶר אַ פֶּעקֶעלֶע נַאשׁ אִין הַאנְט. עֶר קוּמְט אַרַיין און שְׁטֶעלְט זִיךְ בַּיים אַריינְגַאנְג, וֶוען עֶר בְּלִיקְט אוֹיף אַלֶע זַייטְן אַ לֶענְגֶערֶע צַייט אֶפְשָׁר וֶועט עֶר טְרֶעפְן יֶענֶעם קִינְד, אָבֶּער נֵיין, עֶר דֶערְקֶענְט אִים נִישְׁט, שׁוֹין הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ זֶעצְן אִין שׁוּל אַנְטְקֶעגְן דִי טִיר אֶפְשָׁר וֶועט עֶר בַּאמֶערְקְן דֶעם אִינְגְל אַרַיינְקוּמֶען אַזוֹי ווִי פָארִיגֶע וָואךְ.

מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדַאווְנְט מִנְחָה, און זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִי סְעוּדָה, ר' אֶלְחָנָן אִיז נָאךְ נִישְׁט רוּאִיג, עֶר הַאלְט נָאךְ אַלְס דָאס פֶּעקְל אִין הַאנְט און בְּלִיקְט צוּם טִיר, וָואס טוּט מֶען? צֵייכְנְס פוּן זָארְג הָאבְּן זִיךְ גֶעוִויזְן אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט, וואוּ גֶעפִינְט מֶען דָאס קִינְד??

נָאכְן זִיצְן אַזוֹי אַ לֶענְגֶערֶע צַייט הָאט זִיךְ ר' אֶלְחָנָן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן אָרְט און אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' יוֹסֵף שִׁמְעוֹן בַּארְזֶעסְקִי וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל מְקוֹרָב צוּ אִים, און אִים גֶעפְרֶעגְט שְׁטִיל, אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן?! ר' יוֹסֵף שִׁמְעוֹן הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף ר' אֶלְחָנָן אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן וָואס אִיז גֶעשֶׁען? לוֹיטְן פָּנִים פוּן ר' אֶלְחָנָן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶפֶּעס בַּאדַייטְנְד אִיז גֶעשֶׁען.

לֶעצְטֶע וָואךְ, הָאט ר' אֶלְחָנָן גֶעזָאגְט צוּ ר' יוֹסֵף שִׁמְעוֹן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם פוּן דִי קִינְדֶער וָואס הָאט גֶעפַּאטְשְׁקֶעט אִין דִי עֶסְן מִיט זַיינֶע פִינְגֶער... דָאס קִינְד אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן און אִיךְ ווִיל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אִיךְ דֶערְקֶען אִים נִישְׁט צְווִישְׁן אַלֶע קִינְדֶער... אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן?

דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעאַגִירְן אוֹיף אַזַא מַעֲשֶׂה, אַן עֶלְטֶערֶער אִיד ווִי ר' אֶלְחָנָן וָואס אִיז פִיל מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה און עֲבוֹדַת ה', ווִיל אִיבֶּערְבֶּעטְן אַ קְלֵיין קִינְד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט שֵׁיין גֶעפִירְט? אָבֶּער ר' אֶלְחָנָן שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן אִים מִיט אַ בֶּעטְנְדִיגֶע בְּלִיק, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן הֶענְגְט אִין דֶעם טְרֶעפְן דָאס קִינְד... ר' יוֹסֵף שִׁמְעוֹן וָואס הָאט גֶעקֶענְט דִי קִינְדֶער וֶועלְכֶע קוּמֶען אִין שׁוּל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלֶערְן 'ווער קֶען זַיין דָאס קִינְד?' מִיט אַמָאל הָאט עֶר גֶעכַאפְּט! דָאס פַּאסְט פַאר מֶענְדֶעלֶע

(גֶעבִּיטְן דֶער אֱמֶת'ער נָאמֶען).

"זָאג מִיר" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' אֶלְחָנָן, "דָאס הֶעמֶעד וָואס דֶער אִינְגְל הָאט גֶעהַאט אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל פַארְפְלֶעקְט?"

"נוּ, אוּן אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַפָּאר פְלֶעקְן אוֹיפְן הֶעמְד אִיז וָואס?" הָאט ר' אֶלְחָנָן גֶעפְרֶעגְט.

ר' יוֹסֵף שִׁמְעוֹן הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען. "מֶענְדֶעלֶע" אִיז ר' יוֹסֵף שִׁמְעוֹן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז נָארְוָואס אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל מִיט אַ פַארְשְׁמִירְטֶע הֶעמְד, "קוּם נָאר אֵיין מִינוּט,"

דֶער אִינְגְל הָאט גֶעזֶען אַז דֶער יוּנְגֶערְמַאן גֵייט צוּ צוּ ר' אֶלְחָנָן הָאט עֶר אַבִּיסְל גֶעקְוֶוענְקְלְט אוֹיבּ עֶר זָאל צוּגֵיין אָדֶער נִישְׁט, אָבֶער ר' אֶלְחָנָן עֶר שׁוֹין דֶערְקֶענְט דָאס קִינְד, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל צוּם קִינְד אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע זֶעקְל מִיט נַאשׁ, "נֶעם דִיר מַיין קִינְד," הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט וַוארֶעמְקֵייט,



"יֶענֶע וָואךְ הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, בִּיטֶע זַיי מִיר מוֹחֵל!..."

"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין יֶענֶע וָואךְ גְלַייךְ מוֹחֵל גֶעוֶוען.." הָאט דָאס קִינְד גֶעזָאגְט שֶׁעמֶעוְודִיג..

ר' אֶלְחָנָן'ס גֶעזִיכְט אִיז לִיכְטִיג גֶעוָוארְן, זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, דִי וֶוערְטֶער פוּן קִינְד הָאבְּן אִים פָּשׁוּט מְחַיֶּה גֶעוֶוען... עֶר הָאט צוּגֶעמַאכְט אוֹיף אַ רֶגַע זַיינֶע אוֹיגְן אוּן גֶעזָאגְט צוּם אִינְגֶעלֶע מִיט אַ בֶּעטְנְדִיגֶע שְׁטִימֶע, "אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעקֶענְט מִיר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מַמָּשׁ מִיט דַיין מוֹיל: "אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל"... דָאס קִינְד הָאט בַּאלְד גֶעזָאגְט וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, אוּן אַרוֹיסְגֶעלָאפְן מִיט פְרֵייד וַוייזְן פַאר אַלֶעמֶען זַיין גְרוֹיסֶע פֶּעקְל נַאשׁ וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט...

ר אֶלְחָנָן גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין אָרְט צוּפְרִידְן אוּן רוּאִיג, הָא, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן... דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן גֶעוָוארְן...

**יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה - מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא**

הדפסת הגליון נתנדב ע"י

הר"ר נתן פראנק הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
לעול התורה והמצות

הר"ר אלישע גבריאל נוימאן הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

הר"ר שמואל דוד שטערנפלד הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

הר"ר יהודה כהן הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח
לעול התורה והמצות

# א שמועס מיט'ן זיידן



דער הויכשטעלער פרעזידענט

**בֶּערֶעלֶע** – זֵיידִי, הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן אַמֶערִיקֶע אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

**זֵיידֶע** – יָא, נוּ שׁוֹין וָואס הָאט דָאס מִיט אוּנְז צוּ טוּן?

**בֶּערֶעלֶע** – אַלֶע וֶועגְן זֶענֶען פַארְמַאכְט, מֶען קֶען נִישְׁט פָארְן, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַדוּרְךְ... אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וֶועגְן דֶעם, וֶוער עֶס גֵייט טְרֶעפְן דֶעם פְּרֶעזִידֶענְט אוּן וֶוער גֵייט רֶעדְן מִיט אִים...

**זֵיידֶע** – דוּ וֵוייסְט בֶּערֶעלֶע, אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן פְּרֶעזִידֶענְט אַלֵיין!

**בֶּערֶעלֶע** – וָואס? וֶוען אִיז דָאס גֶעשֶׁען?

**זֵיידֶע** – הַיינְט, מַמָּשׁ יֶעצְט... אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּנוֹיפְגֶערֶעדְט מִיטְן הֶעכְסְטְן פְּרֶעזִידֶענְט! נִישְׁט דֶער קְלֵיין פְּרֶעזִידֶענְט פוּן אַמֶערִיקֶע, נָאר מִיטְן פְּרֶעזִידֶענְט וָואס אִיז אִיבֶּער אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט!

**בֶּערֶעלֶע** – הָא, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען, זֵיידִי הָאט גֶערֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן...

**זֵיידֶע** – יָא, הָאסְט טַאקֶע רִיכְטִיג פַארְשְׁטַאנֶען... אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶס! נָאר אִיךְ אַלֵיין מִיטְן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים!!!

ה' יִתְבָּרַךְ, עֶר הָאט דָאךְ בַּאשַׁאפְן אַלֶע מְלָכִים אוּן אַלֶע שָׂרִים אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט! "לֵב מְלָכִים וְשָׂרִים בְּיַד ה'," דִי הַארְץ פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן פוּן אַלֶע לֶענְדֶער אִיבֶּער דֶער וֶועלְט אִיז אִין דֶער הַאנְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן! וָואס עֶר ווִיל, דָאס זָאגְן זֵיי, וָואס עֶר לָאזְט, דָאס פְּלַאנֶען זֵיי! זֵיי קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וֶועג, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען רֶעדְן אַ פְּרִיוַואטֶע שְׁמוּעֶס מִיטְן קֶענִיג פוּן דֶער וֶועלְט! נִישְׁט אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן נָאר יֶעדְן טָאג!

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר אַלֵיין, אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט אַרֵיינְגֵיין רֶעדְן מִיטְן פְּרֶעזִידֶענְט, וָואלְט אִיךְ זִיכֶער גֶעהַאט אַסַאךְ וָואס צוּ בֶּעטְן... אִיז פַארְוָואס, וֶוען אִיךְ קוּם רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַסַאךְ אַסַאךְ גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן אַלֶע מְלָכִים פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז מַיין מוֹיל צוּמָאל פַארְמַאכְט אִין אִיךְ טְרֶעף נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער?

זֵיידֶע – אַיי אַיי אַיי, פְּרֶעגְסְט דָאךְ אַזוֹי גוּט... דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן מֶעכְטִיג, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט שַׁאצְן אוּן עֶרְקְלֶערְן זַיין גְרוֹיסְקַייט, עֶר אִיז אַן 'אוֹר אֵין סוֹף', אַ לִיכְט וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אָנְפַאנְג אוּן הָאט נִישְׁט קַיין עֶנְד, אָבֶער לֵיידֶער אִיז דָא אַ הַסְתָּרָה. דִי וֶועלְט אוּן אִירֶע נַארִישְׁקַייטְן פַּארְשְׁטֶעלְט אוּנְז צוּ זֶען דִי הַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ מָשָׁל (תּוֹרָה קל"ג), אַז עֶמִיצֶער וֶועט לֵייגְן נֶעבְּן זַיינֶע אוֹיגְן אַ קְלֵיין פִּיצְל מַטְבֵּעַ, וֶועט אִים דָאס פַּארְשְׁטֶעלְן פוּן זֶען אַ גְרוֹיסְן בַּארְג, כָאטְשׁ דִי מַטְבֵּעַ אִיז אַסַאךְ אַסַאךְ קְלֶענֶער פוּנֶעם בַּארְג, אָבֶער אַז מֶען שְׁטֶעלְט דָאס אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹיגְן קֶען עֶס פַּארְשְׁטֶעלְן פוּן דֶעם מֶענְטְשְׁן'ס אוֹיגְן אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער בַּארְג.... אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע הַנָּאוֹת וָואס דִי וֶועלְט לוֹיפְט נָאךְ, כָאטְשׁ ס'אִיז אַזוֹי נִידְרִיג, קְלֵיין אוּן נַארִישׁ קֶען עֶס לֵיידֶער פַּארְשְׁטֶעלְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, פִּילְן זַיין הַשְׁגָּחָה וִוי עֶר פִירְט אוּן נֶעמְט אִים אַרוּם אִין זַיין לֶעבְּן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אוֹי וֵויי, דִי וֶועלְט אִיז פוּל מִיט לִיכְטִיגֶע אוֹרוֹת אוּן הוֹיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת אוּן דִי קְלֵיין הַאנְט שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹיגְן אוּן פַּארְשְׁטֶעלְט פוּן צוּ זֶען דִי גְרוֹיסֶע לִיכְט...."

בֶּערֶעלֶע – אִיז וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דִי וֶועלְט זָאל אוּנְז נִישְׁט פַּארְנַארְן? מֶען זָאל קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן?

זֵיידֶע – מְ'דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ צַייט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, זַיין אַלֵיין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, בִּקְבִיעוּת יֶעדְן טָאג אַ צַייט, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַ שָׁעָה אָדֶער מֶער... אָבֶער אַז מֶען קֶען נָאר אַפָּאר מִינוּט אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער, דִי זַאךְ אַלֵיין אַז מֶען קוּמְט זִיךְ טְרֶעפְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. אוּן אוֹיב מֶען וֶועט זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט דִי הַנְהָגָה אַ לַאנְגֶע צַייט, וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער שׁוֹין קוּמֶען בִּיז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט מִיט אַן אֱמֶת'ער גוּטֶער פְרַיינְד...

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָדֶעסֶער ז"ל אַז אֵיינְמָאל הָאט עֶר נִישְׁט גֶעפוּנֶען ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל (וָואס הָאט אִים מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן). עֶר הָאט אִים אַרוּמְגֶעזוּכְט אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין וַואלְד? אִין טַאקֶע אִין וַואלְד הָאט עֶר אִים גֶעפִינֶען!... וֶוען עֶר הָאט אִים דֶערְזֶען פוּנֶדֶערְוַוייטְנְס צְוִוישְׁן דִי בּוֹימֶער הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי ר' יִשְׂרָאֵל רֶעדְט צוּ אֵיינֶעם אַ טִיפֶע שְׁמוּעֶס, עֶר אִיז אִים מַסְבִּיר אַז עֶר

וְויל עֶפֶּעס טָאן אָבֶּער עֶר הָאט סְפֵיקוֹת, פוּן אֵיין זַייט טְרַאכְט עֶר אַזוֹי, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט אַנְדֶערְש, אַזוֹי הָאט עֶר מִיט זַיינֶע הֶענְט גֶעפִירְט אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס. ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַרוּמְגֶעקוּקְט אִין אַלֶע זַייטְן צוּ וֶועמֶען רֶעדְט עֶר דָארְט? ס'הָאט זִיךְ דָארְט נִישְׁט גֶעפוּנֶען קַיין נֶפֶש חַיָּה, בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. זַיין וֶועג פוּן אוֹיס'שְׁמוּעֶסְ'ן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פָּשׁוּט אוּן אֱמֶת'דִיג אַז מֶען הָאט מַמָּש גֶעזֶען וִוי עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֱמֶת'ער גוּטֶער פְרַיינְד.

בֶּערֶעלֶע – הַלְוַואי אוֹיף מִיר.

זֵיידֶע – הַלְוַואי אוֹיף אַלֶע אִידְן, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּין וֶועט אוּנְז אֵייבִּיג גוּט זַיין.

## וָואס טוּט מֶען? מָשִׁיחַ אִיז שׁוֹין דָא!!

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זִיכֶער זֶענֶען פַארְהַאן עֶרְלִיכֶע אִידְן אֲפִילוּ זֵיי מַאכְן נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ רוּף זֵיי אָן "פְּלֵייטֶעס" דֶערְשְׁרָאקֶענֶע אוּן צֶעמִישְׁטֶע. פְּלוּצְלוּנְג וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן וֶועט זֵיי רוּפְן, וֶועלְן זֵיי זַיין צֶעמִישְׁט אוּן מְבֻלְבָּל. אָבֶּער מִיר [דִי וָואס פָאלְגְן אוּן טוּעֶן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת] וֶועלְן זַיין וִוי אוֹיסְגֶערוּטֶע מֶענְטְשְׁן נָאךְ אַ שְׁלָאף, וָואס דֶער שֵׂכֶל אִיז רוּאִיג אוּן גוּט מְיֻשָּׁב, אַזוֹי וֶועט אוּנְזֶער דַעַת זַיין רוּאִיג אוּן מְיֻשָּׁב אָן קַיין מְהוּמָה אוּן צֶעמִישְׁקַייט..." (שיחות הר"ן רכ"ח)



**קִינְדֶער, לָאמִיר פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן גֶעלַאסְנְקַייט!**

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ג' - דֶער הִינְקֶעדִיגֶער (2)

**אַמָאל אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרַייטִיכְץ** וָואס עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ נִיט גִיגֶעסְן. אִיז אִים דָאס קְרַייטִיכְץ זֵייעֶר גִפֶעלְן מַחְמַת עֶר הָאט גִיגֶעסַן אַ לַאנְגֶע צַייט קְרַייטֶכְצֶער. אוּן עֶר הָאט זֵיי שׁוֹין גִיקָאנְט. אוּן אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ. הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. **עֶר וֶועט עֶס אוֹיס רַייסְן מִיט דֶעם וָוארְצִיל.** אִיז גִיוֶוען אוּנְטֶערְן וָוארְצִיל אֵיין דוּמִיט. אוּן דֶער דוּמִיט אִיז גִיוֶוען פִיר עֶקִיכִיק אוּן אִיטְלִיכֶע זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט הָאט גִיהַאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה.

**אוֹיף אֵיין זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט** אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְן. אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגִין אַהִין וִוי טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף דְהַיְינוּ וִוי דִי זִין מִיט דֶער לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף אִין אֵיינֶעם. וִוי דֶער הָאט אוֹיס גִירִיסִין דָעם קְרַייטִיכְץ מִיט דֶעם וָוארְצִיל (וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דֶער דוּמִיט) הָאט זִיךְ מִזְדַמֵן גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. (דְהַיְינוּ בַּיי דֶער זַייט וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל עֶס זָאל אִים טְרָאגִין צוּ דֶעם אוֹרְט וָואס טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף).

**הָאט עֶס אִים אַוֶועק גִיטְרָאגִין אַהִין.** וואו טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף. עֶר קוּקְט זִיךְ אַרוּם. אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט (וִוי טָאג אוּן נַאכְט דְהַיְינוּ דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם צוּם אוֹיף)

**הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה שְׁמוּסִין.** אוּן דִי זוּן הָאט זִיךְ גִיקְלָאגְט פַאר דֶער לְבָנָה. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיין בוֹים וָואס דֶער בוֹים הָאט אַסַאךְ צְוַוייגִין אוּן פֵּירוֹת אוּן בְּלֶעטְלִיךְ. אוּן אִיטְלִיכֶע צְוַוייג אוּן אִיטְלִיכֶע פְּרִי אוּן אִיטְלִיכְשׁ בְּלֶעטִיל. הָאט אִין זִיךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סְגוּלָה. דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ קִינְדֶער. אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ פַּרְנָסָה. אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל סֶע זָאל הֵיילִין דָאס חוּלָאַת. אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶער חוּלָאַת.

**אִיטְלִיכְס פִּיצִיל פוּן דֶעם בוֹים.** אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע זַאךְ. אוּן דֶעם בוֹים וָואלְט מֶען גִידַארְפְט אָן טְרֶענְקֶען. אוּן אַז מְזָאל אִים אָן טְרֶענְקֶען. וָואלְט עֶס זֵייעֶר מְסוּגָל גִיוֶוען. אוּן לֹא דַי אִיךְ טְרֶענְק אִים נִיט אָן. שַׁיין אִיךְ נָאךְ אוֹיף אִים, אוּן פַאר טְרִיקִין אִים.

**הָאט זִיךְ דִי לְבָנָה אָן גִירוּפְן** (צוּ דֶער זוּן) דוּ זָארְגְסְט אַ פְרֶעמְדֶע זָארְג. אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילְן מַיין דַאֲגָה. בַּאֲשֶׁר אִיךְ הָאב טוֹיזִינְט בֶּערְג. אוּן אַרוּם

דִי טוֹיזְנְט בֶּערְג. אִיז דָא נָאךְ טוֹיזְנְט בֶּערְג. אוּן דָארְט אִיז דָאס אוֹרְט פוּן שֵׁדִים. אוּן דִי שֵׁדִים הָאבְּן הִינִירְשֶׁע פִּיס. הָאבְּין זֵיי קֵיין כֹּחַ נִיט אִין דִי פִּיס. נֶעמֶען זֵיי כֹּחַ פוּן מַיינֶע פִּיס. אוּן מַחְמַת דֶעם הָאבּ אִיךְ קֵיין כֹּחַ נִיט אִין מַיינֶע פִּיס. אוּן אִיךְ הָאבּ אַ פוּל (דְהַיינוּ אַ שְׁטוֹיבּ) וָואס דֶער פוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ מַיינֶע פִּיס. קוּמְט אַ וִוינְט אוּן טְרָאגְט אִים אַוֶועק.

**הָאט זִיךְ דִי זוּן אָן גִירוּפְן אַדָאס זָארְגְסְטוּ.** אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אַ רְפוּאָה. בַּאֲשֶׁר סֶע פַּאר הַאנְדִין אַ וֶועג. אוּן פוּן דֶעם וֶועג צוּ טֵיילִין זִיךְ כַּמָּה וֶועגִין.

**אֵין וֶועג אִיז פוּן צַדִיקִים.** אֲפִילוּ דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּל פוּן דֶעם וֶועג אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט. אוּן אִיטְלִיכְן טְרֶעט וָואס עֶר טוּט. גֵייט עֶר אַלְץ אוֹיף דֶעם פוּל.

**אוּן סֶע פַּאר הַאנְדְן אַ וֶועג פוּן אַפִּיקוֹרְסִים** אֲפִילוּ דֶער אַפִּיקוֹרֶס וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּל אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט כַּנַ"ל.

**אוּן סֶע פַּאר הַאנְדֶען אַ וֶועג פוּן מְשׁוּגָעִים.** אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגַע וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּל כַּנַ"ל.

**אוּן אַזוֹי אִיז פַּאר הַאנְדְן כַּמָּה וֶועגִין.** אוּן סֶע פַּאר הַאנְדִין אַ וֶועג. בַּאֲשֶׁר סֶע פַּאר הַאנְדִין צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענִין מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ יִסוּרִים פִּירִין זֵיי דִי פְּרִיצִים אִין קֵייטִין. הָאבֶּען זֵיי קֵיין כֹּחַ נִיט אִין דִי פִּיס. שִׁיט מֶען זֵיי אוּנְטֶער פוּן דֶעם פוּל פוּן דֶעם וֶועג. הָאבֶּען זֵיי כֹּחַ אִין דִי פִּיס.

**בְּכֵן זָאלְסְטוּ אַהִין גֵיין וָוארְן דָארְט אִיז דָא** אַסַאךְ פוּל וֶועסְטוּ הָאבִּין אֵיין רְפוּאָה. אוֹיף דִי פִּיס (דָאס הָאט אַלְץ דִי זוּן גִירֶעט צוּ דֶער לְבָנָה) **אוּן עֶר הֶערְט דָאס אַלְץ** (הַיינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט).

**דֶער וַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן** אוֹיף דֶעם דוּמִיט אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם וֶועג וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָּה וֶועגְן (דְהַיינוּ דֶער וֶועג וָואס אוֹיבִּין אִיז גִישְׁטַאנֶען וָואס דִי זוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶער לְבָנָה)

**הָאט עֶר אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט.** הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועק גִיטְרָאגְן (דְהַיינוּ צוּ דֶעם וֶועג) הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי פִּיס אִין דֶעם וֶועג. וָואס דֶער פוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ דִי פִּיס אִיז עֶר תֵּיכֶּף גִיהֵיילְט גִיוָוארִין.



:pe ________

# לאמיר זיך פארהערן



## מַעֲשֶׂה ג׳ – דֶער הִגֵר (2)

**פארוואס האט ער אויסגרוסן די קרייטיכץ מיט די ווארצל?**

❑ ווייל ס'האט אים אויסגעזען גאר א אלטע קרייטיכץ

❑ ווייל ער האט געוואלט עסן אויך די ווארצל

❑ ווייל אזא קרייטיכץ האט ער נאכנישט געזען

**וויאזוי איז געווען דער דומיט וואס ער האט געטראפן?**

❑ רינדעכיג

❑ א לאנגע קעסטל

❑ פיר עקעדיג

**וויאזוי איז ער אנגעקומען צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך?**

❑ ער איז געגאנגען צופיס

❑ מיט פערד און וואגן

❑ ער האט אנגעכאפט דער דומיט אויף די זייט וואס ווער עס כאפט אן די זייט קומט אן צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך

**ד. וואס האט די זון געקלאגט פאר דער לבנה?**

❑ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס

❑ אז ער טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות

❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואספארא דאגה האט די לבנה דערציילט?**

❑ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס

❑ אז זי טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות

❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּייְמֶער - מיט פיל הצלחה**



**וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט דאס ווארט 'אפיקורסים'?**

**תשובות אויף פאריגע וואך: וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט פון איינעם וואס האט נישט קיין פיס? מעשה פון זיבן בעטלערס, זיבעטן טאג.**

**וועלכע זאך ווערט דערמאנט אין די מעשה און אויך אין מעשה ב׳ פון דער מלך און קייסער? גזלנים**

**דער געווינער אויף 'דער חיגר' 1**

**איז הילד החשוב נחום פראנק, ירושלים,**

די מתנה קען מען נעמען ביים משגיח ת"ת ברסלב י"ם ר' משה געפנר הי"ו

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגניין אינעם גורל, 02-5333-72 646-585-3040**

בס"ד

# ווען איר שרייבט איין אייער קינד אין מתמידים 'והודעתם לבניך' גייט ער אריין אין א גורל *

**צו קענען אריינגיין אין סיי וועלכע ברסלב'ע שול אדער ברסלב'ע געשעפט וואו מען פארקויפט דעם רבי'נס ספרים א.ד.ג, און אנפילן א פולע פישקע. וואס ער פאקט זיך איין אין 'איינס און א האלב מינוט' איז זיינס.**




די מתמידים
קאסט
א חודש'ליכע צאלונג

מען קען
זיך נאך
איינשרייבן
אין די
קומענדיגע
צען טעג און
אריינגיין
אין גורל
בעז"ה

די נומערן זיך איינצושרייבן:

ארץ ישראל:
073-351-7202

ניו יארק:
1-646-585-2977

ענגלאנד
020-376-97807

* געבינדן מיט עטליכע תנאים.

המשך פון לעצטע זייט



# דעם רבינ'ס משלים

זִיךְ אַז דִי שָׂרִים ווִילְן אַהֵיימְנֶעמֶען דֶער קֶענִיג צוּ זִיךְ אִין פַּאלַאץ.

רוּפְט זִיךְ דֶער קֶענִיג אָן צוּ זֵיי: "ווִיבַּאלְד עֶנְק הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶערַאטֶעוֶועט פוּנֶעם שְׁטוּרֶעם, אַיךְ זֶענֶען זִיךְ אַלֶע צֶעלָאפְּן זִיךְ אַלֵיין צוּ רַאטֶעוֶוען, נָאר דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט, דָא, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ שְׁפִּיר אִיךְ אַזַא אַנְגֶענֶעמֶענְקַייט אוּן גֶעשְׁמַאק, דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר מִיר אַהֵיימְנֶעמֶען מִיט זַיין וֶועגֶעלֶע אוּן מִיט דִי קְלֵיידֶער, אוּן עֶר וֶועט מִיר זֶעצְן אוֹיף מַיין כִּסֵא מְלוּכָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פַּארְצֵיילְט דִי מָשָׁל אוּן צוּגֶעעֶנְדִיגְט, אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל – מֶען וֶועט שִׁיסְן מִיט אַפִּיקוֹרְסוּת, נִישְׁט קֵיין מַבּוּל פוּן וַואסֶער! נָאר אַ שְׁטוּרֶעם פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן אַלֶע בֶּערְג וֶועלְן פַארְדֶעקְט וֶוערְן, אוּן אֲפִילוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דֶער מַבּוּל אִיז נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט, נָאר עֶס הָאט פוּן גְרוֹיס דְרוּק אוֹיךְ אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִיצְט וַואסֶער פוּן מַבּוּל, וֶועט אוֹיךְ אִין דִי צַייטְן – פוּן עוּקְבָתָא דִמְשִׁיחָא אַרַיינְשְׁפְּרִיצֶען אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֵׁר'ע הֶערְצֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט אַז מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען קֵיין עֵצָה גֶעבְּן, אַלֶע שָׂרִים וֶועלְן זִיךְ צֶעשְׁפְּרֵייטְן דִי קֶענִיגְרַייכְן וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, נָאר דִי פָּשׁוּטֶ'ע תְּהִלִים זָאגֶערְס וֶועלְכֶע זָאגְן תְּהִלִים בִּפְשִׁיטוּת, זֵיי וֶועלְן אָנְטוּן דֶעם קֶענִיגְלִיכְן קְרוֹין אוֹיפְן קָאפּ פוּן מָשִׁיחַ וֶוען עֶר וֶועט בִּמְהֵרָה קוּמֶען.

(כוכבי אור)

# חשון מרחשין שפתיה

## חודש חשון שאקלען זיך נאך די ליפן פון יום טוב



די אלע קינדער וואס האבן נאכנישט געענדיגט זייער ספר וואס זיי האבן זיך אונטערגענומען ביז ה"י תשרי, מיר געבן אייך נאך צייט ביז סוף חודש חשון,

כאפט אריין!!



# דעם רבינ'ס משלים

## משה פון רעגן

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קֶענִיג וֶועלְכֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאנְגְן חַיּוֹת (נָאוָולאוֹי). וֶוען דֶער קֶענִיג פְלֶעגְט זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף אַזַא אַקְצִיֶע פְלֶעגְט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן ווִי אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין מֶער מִינְטֶער און אוֹיפְגֶעלֵייגְט.

זַייעֶנְדִיג אִינְמִיטְן זַיין גֶעיֶעג הָאט זִיךְ אַרָאפְגֶעלָאזְט מַמָּשׁ אַ מַבּוּל פוּן וַואסֶער און אַלֶע הֶערְן און שָׂרִים וָואס הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט זֶענֶען אַלֶע זִיךְ צֶעלָאפְן יֶעדֶער אִין זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ...

דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶר זוּכְט אַ רֶעטוּנְגְס אָרְט וואוּ עֶר זָאל זִיךְ שִׁיצְן פוּנֶעם שָׁאס-רֶעגְן, נָאכְן זוּכְן אַ שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ טִיפִּישֶׁער הַייזְקֶע אִין אַ דָארְף, דָארְט הָאט גֶעוואוֹינְט אַ דָארְפְסְמַאן, עֶר הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיג צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אִים אָנְגֶעקְלֵיידֶעט און אִים סֶערְוִוירְט פוּן זַיינֶע מַאֲכָלִים אַ גְרִיץ (סָארְט זוּפּ). דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעפְרוֹירְן פוּן קֶעלְט, הָאט דֶער דָארְפְסְמַאן אִים אָנְגֶעוַוארֶעמְט דֶעם אוֹיוְון און גֶעלֵייגְט דֶעם קֶענִיג שְׁלָאפְן נֶעבְּן אוֹיוְון, זַיינֶע פַארְפְרוֹירֶענֶע בֵּיינֶער זָאל זִיךְ אוֹיפְלָאזְן.

דִי זִיסֶע טַעַם וָואס דֶער קֶענִיג הָאט גֶעשְׁפִּירְט יֶענֶעם נַאכְט הָאט עֶר קַיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגט און מִיד...

וִוי נָאר דֶער מַבּוּל הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטִילְט זֶענֶען דִי הֶערְן און שָׂרִים אַרוֹיס פוּן זַייעֶר בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, זֵיי הֵייבְּן אָן זוּכְן דֶעם קֶענִיג בִּיז זֵיי דֶערְגְרֵייכְן דֶעם הַייזְקֶע און טְרֶעפְן דֶעם קֶענִיג אִין אַ זִיסֶע שְׁלָאף. פַארְשְׁטֵייט

המשך אויף זייט 16

